א. מ'האט גערעדט כמה פעמים אז יעדער ענין וואס חזר'ט זיך איבער א סאך מאל איז יעדן מאל, בכל שנה ושנה, אע"פ אז ס'איז דער זעלבער ענין קומט צו אין אים א נייע זאך, וואס דאס איז אויך מובן פון דעם וואס דער אלטער רבי, בעל הגאולה שרייבט אין אגה"ק בנוגע צו ר"ה, אז בכל שנה ושנה ווערט נמשך א אור עליון חדש שלא הי' לעולמים, און ר"ה איז דאך כולל אין זיך אלע טעג פונעם יאר מיט זייערע ענינים, איז דאך פארשטאנדיק אז אויך די אלע ענינים וואס זיינען דא במשך כל השנה איז קומט צו אין זיי א ענין פון א אור חדש שלא הי' לעולמים.

וואס כל הנ"ל איז דאך אפילו אויב די קביעות איז די זעלבע, און דאס איז דער זעלבער סוג ועניין, און פונדעסטוועגן איז דא א הוספה און א שינוי, איז דאך מובן אז בשעת די קביעות איז א אנדערע איז דאך פאראן נאך א גרעסערער שינוי והוספה.

וואס אזוי איז דאך אויך בנוגע צו אלע חדשים וואס וויבאלד אז יעדער חודש האט דאך א באזונדערן צירוף פון שמות הוי' ואדנ-י, וואס א שינוי אין דעם פלאץ וואו דער אות געפינט זיך איז משנה אינגאנצן דעם תוכן הענין, וואס אזוי זעט מען דאך אין שם הוי' גופא אז ס'איז דא דער אות ה"א צוויי מאל, איז אע"פ אז די צורת ותמונת האות ווערט ניט נשתנה וואס דאס באווייזט אז אזוי איז אויך ברוחניות הענינים. ווארום ס'איז דאך דא א צד השוה צווישן זיי, פונדעסטוועגן איז די ה"א אחרונה דאס איז מלכות וואס רגלי' יורדות, און די ערשטע אות ה"א דאס איז ספירת הבינה וואס ענינה איז עלמא דחירות, איז דאך מובן אז ס'איז דא א חילוק צווישן די חדשים צוליב שינוי צירופיהם.

וואס אזוי איז דאך אויך בנוגע צו שבת מברכים החודש, וואס בכח דעם וואס דער אויבערשטער בענטשט חדש תשרי האבן אידן א כח צו בענטשן כל חדשי השנה, און ווי גערעדט פריער איז דאך בר"ה נמשך א אור חדש שלא הי' לעולמים און אזוי איז דאך אויך בא שאר החדשים.

און אזוי ווי מ'זעט דאס בטבע העולם כפשוטו, אז ס'איז דא א חילוק צווישן איין חודש מיטן צווייטן, וואס דאס איז ווייל נשתלשלו מהם - פון די ענינים ווי זיי שטייען ברוחניות, וואס דאס איז דער שינוי פון צירופי השמות וואס פון זיי באקומען די ענינים גשמיים, כמבואר בשער היחוה"א און בפרטיות יותר אין די מאמרים שלאחריו, און פון דערויף קומט דאס ארויס אין גשמיות ביז אויך אין חומריות.

בפרט אז ס'איז דא דער שינוי הקביעות צווישן איין שבת מברכים מיטן צווייטן, און אלע מאל דארף מען זוכן א חידוש אין דעם אויפטו פון יעדן שבת מברכים, ובנוגע לעניננו - א חידוש אין שבת מברכים טבת.

וואס דער חידוש פון ש"מ טבת איז מובן בפשטות: אז בא אלע ש"מ איז פאראן א הפסק פון ימי החול צווישן דעם שבה מברכים מיטן ר"ח, משא"כ ש"מ טבת איז די טעג אין צווישן איז ימי החנוכה, וואס דאס באווייזט אז דער עיקר פון חודש גיט זיך ארויס אין ענין החנוכה, וואס דערפאר איז אויך ר"ח טבת וואס ער איז כולל אין זיך דעם גאנצן חודש איז בחנוכה.

[און דער חידוש פון קביעות שנה זו איז אז אויך דער ערשטער טאג חנוכה איז צווישן ש"מ מיט ר"ה, וואס דער ערשטער טאג חנוכה איז דאך כולל אין זיך כל ימי חנוכה, ווי ס'איז פארשטאנדיק בפשטות:

דעם פך השמן וואס פון אים האט מען מדליק געווען אלע ח' ימים, האט מען געפונען אין דעם ערשטן טאג, וואס דאס באווייזט אז אויך ברוחניות הענינים נעמען זיך אלע ימי החנוכה פון דעם ערשטן טאג חנוכה, וכמבואר בשערי אורה].

דער ענין המיוחד שבחודש טבת וואס ער גיט זיך ארויס אין חנוכה, דארף דאך שטייען אויך אין נגלה (אדער בקיצור אדער עכ"פ ברמז), און דאס איז וואס עס שטייט אין גמ' אז דער אויפטו פון חודש טבת איז אז הגוף נהנה מן הגוף, וואס איש ואשה איז דאך דאס הקב"ה מיט כנס"י.

ולכאורה איז דאס אינגאנצן ניט פארשטאנדיק, ווייל וואס איז אזוי די מעלה

פון דעם תואר גוף (וואס מיט דעם תואר רופט מען אן דער הקב"ה וכנס"י), ולכאו' דאס איז א חסרון סיי בא אידן און סיי בא הקב"ה, זיי זיינען אינגאנצן שלא בערך צו דעם ענין הגוף.

והביאור בזה:

בנוגע צו נרות חנוכה זאגט דער רמב"ן אז הנרות הללו אינם בטלים לעולם (ווי מ'האט גערעדט בארוכה בהתוועדות די"ט כסלו), וואס דער עיקר אויפטו פון דעם איז ניט ווען ס'איז דא די נרות המקדש וואס לשנה הבאה קבעום (וואס דאס איז געווען בזמן בית שני, אדער ווי ס'וועט זיין אין ביהמ"ק השלישי), נאר דער עיקר אויפטו - אז אינן בטלין לעולם - איז דאס דוקא בזמן הגלות ווען ס'איז ניטא קיין אנדערע ענינים (ווי ס'איז דא בזמן הבית).

בשעת ס'איז געווען דער ביהמ"ק איז געווען אלקות בגלוי, דורך די עשרה נסים וכו', משא"כ בזמן הגלות איז אותותנו לא ראינו: ס'זיינען דא מופתים אבער זיי זיינען מלובש אין טבע און מ'זעט זיי ניט, ד.ה. אז אלקות איז ניט בגילוי, אזוי ווי די נשמה איז פארדעקט אין לבושי הגוף ונה"ב, און דערפאר קאן ער ניט זען קיין גילוי אלקות,

און דער אויפטו פון גאולה וועט זיין, אז ס'וועט זיין התגברות הרוחניות על הגשמיות, הצורה על החומר, הנשמה על הגוף.

דער אויפטו פון חנוכה איז אבער, אז מ'איז מאיר און מ'באלייכט דעם <u>גלות</u>, און דאס איז דער ענין אז הגוף נהנה מן הגוף, ווארום מ'באלייכט דעם גוף אויכעט.

ס'איז אבער דורש ביאור:

ווי קאן מען זאגן אז דער תכלית השלימות וואס דאס איז אז דער אויבערשטער האט הנאה פון אידן (הגוף נהנה מן הגוף) איז דאס פון דעם גוף, און הגם אז מ'האט מאיר געווען דעם גוף, אבער דאס טוט אויף נאר אז דער גוף זאל ניט מבלבל זיין, אבער דער גוף בעצם איז דאך לכאו' א ענין פון חושך,

ביז ווי מ'האט גערעדט פריער אז פדאני לי ולבני מבין האומות גייט אויפן גלות פון די נשמה אין גוף, וואס דער גוף ווערט אנגערופן אומות העולם, ביז ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין אגה"ק סי"ד אז די בחירה פון דעם אויבערשטן אין אידן (אתה בחרתנו) איז דאס שייך נאר אין דעם גוף, ווארום ער איז דומה בחומריותו לגופות אומות העולם.

דער ביאור אין דעם איז פארבונדן מיט חנוכה:

וואס דעמולט זאגט מען כי אתה תאיר נרי הוי' והוי' יגי' חשכי, אז דורך דעם וואס ס'ווערט א המשכה אין שם הוי' פון העכער פון אים, וואס אויף דעם איז מורה דער אות ו' וואס ענינו איז המשכה, איז דורך דעם ווערט יגי' חשכי - דער חושך אליין ווערט נהפך לאור, ולילה כיום יאיר (און דאס איז די סיבה אז כנס"י ווערט אנגערופן גוף).

וואס אויף למעלה זאגט מען דאך אויך דעם תואר גוף, און דאס וועט ווערן פארשטאנד מיט דעם וואס ער זאגט אין אגה"ק, אז דוקא דער ענין אין אלקות וואס אין לו שום עילה וסיבה הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין, וואס דער אמיתיות ענין פון יש מאין איז דוקא אין גוף, וואס דאס איז אויך וואס ער זאגט אין ביאוה"ז אז ס'איז דא יש האמיתי און ס'איז דא יש הנברא און ע"י העבודה מאכט מען פון אים יש האמיתי.

וואס דאס איז אויך די שיחה הידועה פון רבי'ן נ"ע וואס ס'איז אפגעדרוקט אין תורת שלום אז ס'איז פאראן נאר עצמות און יש שלמטה וואס דאס איז דער גוף,

וואס דאס איז אויך וואס דער רמב"ם זאגט אז יש שם מצוי ראשון והוא ממציא כל נמצא, וואָרום הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין. וואס מ'רעדט דאך אלץ אין א הוראה בפועל, אז מ'דארף ניט וואַרטן ביז מ'וועט פאַרשטייען מיט חב"ד שבמוח אדער מיט חג"ת שבלב וכו' נאר מ'דארף טאָן בקבלת עול, וואס דאס איז דער ענין הגוף אין כחות הנפש, וואס דאס איז מדרגה פון מלכות וואס איז מקבלת וכונסת מכל ספירות, אבער זיי שטייען ניט אין איר אין אן אופן פון או"כ, נאר זיי זיינען בהעלם, און בגלוי איז דא נאר די מעשה בפועל - אויב ס'איז דא א הבנה און א הרגש איז מה טוב אבער וואַרטן אויף דערויף איז ניטא קיין צייט און מ'דארף טאָן מיט קבלת עול.

וואס דאס איז אויך דער ענין אז אהבה דוחקת את הבשר ד.ה. אז דער אויבערשטער עזב עליונים ותחתונים און השרה שכינתו על ישראל, וואס דאס קומט פון רצון פון דעם אויבערשטן וואס איז למעלה מטעם ודעת. וואס דאס איז אויך פאַרבונדן מיטן ענין פון חנוכה וואס מ'איז מדליק על פתח ביתו מבחוץ, ד.ה. אז דאס איז אין בית, אבער דער חלק פון בית וואס איז נאָענט צו דעם חוץ, וואס דאס איז דער ענין הגוף סיי אין גוף כפשוטו און סיי אין גוף פון כחות הנפש - קבלת עול, אז דורך דערויף וואס מ'באַלייכט דעם גוף דורך דערויף וואס מ'טוט בקב"ע, שטורעמט מען אויף דעם חוץ מיט קב"ע,

וואס דאס איז אויך דער דיוק הלשון נהנה און ניט נתחמם וכיו"ב, וואָרום דורך קב"ע דערלייגט מען אין דעם העכסטן פון די כחות מקיפים דעם ענין התענוג וואס דאס איז דער ענין פון נהנה [וואס דאס איז אויך וואס דער רמב"ם שרייבט אז המעדבים מצויין כעפר, וכפי שיתבאר לקמן],

וואס דערפאַר איז נרות חנוכה ניט אזוי ווי נרות שבת וואס זיינען צוליב אכו"ש און שלא יכשל בעץ ואבן, משא"כ נרות חנוכה איז אסור להשתמש לאורם, וואָרום דאס איז קב"ע וואס שכל און הרגש טאָר ניט הנאה האבן דערפון, וואס דאס איז אויך דער ענין פון חודש טבת וואס דעמולט הויבט זיך אן תקופת טבת, וואס דאס איז די קאַלטסטע תקופה, ד.ה. אז דער שמש ומגן הוי' אלקים איז בהעלם והסתר, און ער דערנעמט ניט, אויף דעם קומט די ליכטיקייט פון נרות חנוכה צו באַלייכטן די קעלט פון טבת,

וואס דאס איז אויך דער סיפור מיטן בעש"ט וואס ווערט אראָפגעבראַכט אין שבחי הבעש"ט וכו' אז ער האט געמאַכט אז אייז זאל ברענען, דלכאו' וואס האט ער געדאַרפט דאס טאָן, ער איז דאך ניט געווען להוט נאך מופתים, און לאחרי זה, צוליב וואס דערציילט מען דאס אונז, נאר דאס איז דער לימוד אז ניט מ'דארף אנוואַרעמען דעם קרח ער זאל ווערן וואַסער, און דערנאך שטעלן אים אויפן פייער ביז ס'וועט זיין מים רותחים, נאר מ'דארף אז דער קרח גופא זאל ברענען און באַלייכטן, וואס דאס טוט מען אויף דורך קב"ע, אז מ'ברעכט דעם קרח הנורא - ניט למעליותא - און מ'צינדט אים אן ביז אז ער איז מאיר דעם ביהכנ"ס פונעם בעש"ט, וואס דורך דעם טוט מען אויף ס'זאל זיין כליא רגלא דתרמודאי, ביז תכלה רגל מן השוק אז מ'פועל'ט אויף אויך אין דעם שוק, ויפוצו מעינותיך חוצה וקאתי מר דא מלכא משיחא ובקרוב ממש.

(לפני הברכה: ביז אז קבעום לשנה הבאה להלל ולהודאה, ביז להודות ולהלל לשמך הגדול, דער אויבערשטער ווי ער איז גרויס און הויך).

* * *